Lecture proposée par
la Maison de la culture yiddish – Bilbiothèque Medem
26 mars 2020 ; https://inderheym.yiddish.paris/

tirée de

Avrom Reyzen
אַבֿרהם רייזען

# L’homme qui causa la chute du Temple

yiddish.minibilingues




BIBLIOTHÈQUE MEDEM
מעדעם־ביבליאָטעק

Traduit du yiddish par Nadia Déhan-Rotschild

La culture yiddish à la maison
היימישער ייִדיש־צענטער
Le meilleur remède
די בעסטע רפֿואה

# Ça branle !

Chez Nakhmen, un pauvre père de famille du *shtetl*, on vit dans une terreur constante. À chaque travail, à chaque mouvement, on se crie l'un l'autre dans cette maison : « Doucement ! ».

Chez Nakhmen, on ne peut jamais manger tranquillement la moindre soupe. Car dès qu'on apporte l'assiette sur la table, celle-ci se met à branler. La meilleure part – le dessus – se répand, après quoi, il faut manger prudemment, veiller à ne pas toucher la table trop brusquement pour ne pas renverser le peu qui reste.

Si l'on termine sans incident le déjeuner, chacun dans la maisonnée éprouve le même soulagement et rend silencieusement grâce à Dieu de ce que la table, pour une fois, n'a pas fait des siennes.

Mais c'est pis encore au souper ! Le soir, on dîne bien sûr à la lueur de la lampe à pétrole, et la terreur en est multipliée, car son verre, acheté à crédit, est trop grand d'une taille et branle sur le bec.

On redouble de prudence et, lorsque l'un crie : « Doucement, la table ! », le second doit renchérir : « Doucement, le verre ! ». Parfois, quand la débâcle semble imminente, table et verre se mettant tous deux en branle, on hurle de concert, mais en abrégeant : « Le verre ! La table ! ». Et l'on cesse de manger jusqu'à ce qu'on ait calmé les objets récalcitrants.

# עס שאָקלט זיך

ביַי נחמן, אַן אָרעמער בעל־הבית אין שטעטל, לעבט מען שטענדיק אין איין שרעק און ביַי יעדער אַרבעט, ביַי יעדער באַוועגונג שריַיט מען דאָרט אין שטיבל איינער צום אַנדערן: פּאַמעלעך!

ביַי נחמנען עסט מען קיין מאָל רויִק ניט אָפּ קיין ביסל געקעכטס. וויַיל ווי מע שטעלט אַוועק די שיסל אויפֿן טיש, הייבט זיך דער טיש אָן צו שאָקלען. דאָס בעסטע ביסל — די אייבערשטע — גיסט זיך אויס, און נאָך דעם מוז מען פֿאָרזיכטיק עסן, סטאַרען זיך אַ צו שטאַרקן ריר ניט צו טאָן דעם טיש, כּדי ניט אויסצוגיסן דאָס רעשט ביסל געקעכטס.

אַז מען עסט אָפּ רויִק אָן אַ סיבה דעם וואַרמעס, פֿילט יעדערער פֿון הויזגעזינד אַ דערגרינגערונג און דאַנקט אין דער שטיל גאָט פֿאַרן חסד, וואָס דער טיש האָט דאָס מאָל ניט געקאַפּריזעט.

ערגער איז אָבער מיט דער וועטשערע! וועטשערע עסט מען שוין ביַים לאָמפּ און די שרעק ווערט אין צווייען. וויַיל די גלאָז פֿון לאָמפּ, וועלכע מע האָט געקויפֿט אויף באָרג, איז מיט אַ נומער גרעסער און זי שאָקלט זיך אום אויף דער מאַשינקע.

די פֿאָרזיכטיקייט ווערט גרעסער און, ווען איינער שריַיט: „פּאַמעלעך — דער טיש!”, מוז אַ צווייטער קומען צו הילף און שריַיען: „פּאַמעלעך — די גלאָז!”. און אַ מאָל אַז עס האַלט שמאָל, סיַי דער טיש, סיַי די גלאָז הייבן זיך אָן צו שאָקלען, שריַיט מען צוזאַמען, נאָר פֿאַרקירצט: „די גלאָז, דער טיש”. און מע הערט אויף צו עסן, ביז מע באַרויִקט ניט ביידע אומנאָרמאַלע הויזווירטשאַפֿט.

Nakhmen et les siens ont déjà tenté de nombreux remèdes, pour la table comme pour le verre. Sous le pied bancal, on a glissé un tesson mais cela n'a servi à rien car le sol n'est pas droit. On a entouré le col de la lampe avec du papier ; cela a marché le premier soir, puis l'espace s'est reformé et le verre a de nouveau bougé, de sorte que, ayant perdu tout espoir, on en est resté là.

Après le dîner, alors qu'on est à nouveau rasséréné, commence la comédie des deux lits. Eux aussi, apparemment, ont été contaminés par la table, et voilà déjà quelques années qu'ils branlent. Quand on s'y couche, on a l'impression qu'on va en tomber sur-le-champ, et c'est miracle si l'on dort toute la nuit.

Parfois, lorsque le vent souffle au dehors, les vitres des fenêtres se mettent à trembler chez Nakhmen, et les bardeaux du toit, et la maison tout entière. Il lui semble alors que tout son bien va s'écrouler et qu'il n'aura plus rien : ni table cassée, ni verre de lampe trop grand, ni lits bringuebalants, ni vieille baraque.

Ainsi s'écoule dans l'angoisse toute la vie de Nakhmen, toute une vie branlante.

נחמן און זײַן הויזגעזינד האָבן שוין צום טיש און צום לאָמפּ איבערגעטאָן פֿיל סגולות. אונטערן הינקענדיקן פֿיסל האָט מען אַ ציגל אונטערגעלייגט, עס האָט אָבער ניט געהאָלפֿן ווײַל די פּאָדלאָגע איז ניט קיין גלײַכע; די מאַשינקע פֿון לאָמפּ האָט מען מיט אַ פּאַפּיר אַרומגעדרייט, האָט עס געהאַלטן איין אָוונט און עס איז ווידער ברייט געוואָרן און זיך גענומען שאָקלען, ביז מע האָט זיך מיאש געווען און עס איז געבליבן אַזוי.

און נאָך וועטשערע, אַז מע ווערט שוין ווידער רויִקער, הייבט זיך אָן אַ סדרה מיט די צוויי בעטן. זיי האָבן זיך קענטיק אָנגעשטעקט פֿון טיש און שאָקלען זיך שוין אויך עטלעכע יאָר. און אַז מע לייגט זיך אין זיי אַרײַן, דאַכט זיך, אַז אָט־אָט פֿאַלט מען פֿון זיי אַרויס. און נאָר מיט נסים שלאָפֿט מען איבער די נאַכט.

און אַ מאָל, אַז דער ווינט אין דרויסן בלאָזט, שאָקלט זיך בײַ נחמנען די שויבן פֿון די פֿענצטער, די שינדלען פֿון דעם דאַך און דאָס גאַנצע שטיבל, און דעמאָלט דאַכט זיך נחמנען, אַז אָט־אָט פֿאַלט אַלץ אין גאַנצן אײַן און ער וועט גאָרניט האָבן: ניט קיין צעבראָכן טישל, ניט קיין גלאָז מיט אַ נומער גרעסער, ניט קיין בעטן וואָס שאָקלען זיך, און ניט קיין אַלט שטיבל.

און נחמן לעבט אָפּ זײַן גאַנץ לעבן אין שרעק, און זײַן גאַנץ לעבן שאָקלט זיך.

## Le prolétaire

Berl, l'étudiant de la nouvelle maison d'étude, n'avait jamais eu une bonne opinion de lui-même et ne tirait aucune fierté de son étude : il n'étudiait pas par amour du savoir mais pour les « jours » de pension[1] et le banc de bois dur dans la synagogue où chaque nuit il allongeait ses membres. Certes, on ne saurait se porter à soi-même une grande estime quand on mange son pain chez les autres et qu'on couche à la maison d'étude, en compagnie de quelques propres à rien, et même parfois, les nuits d'hiver, avec l'idiot du village qui se glisse là tard le soir pour rêver son rêve d'idiot sur le banc en face du sien.

Comme Berl ne connaissait personne, en dehors des bourgeois qui l'accueillaient et des jeunes gens mariés de la maison d'étude où il étudiait, son idée du pouvoir et de la grandeur n'allait pas au-delà de cette « classe ». Il les tenait pour les grands de ce monde, les forts, les libres, pour les gens dotés de libre-arbitre, en comparaison desquels il se sentait comme un vermisseau.

Et Berl rêvait sans cesse de devenir lui aussi un jour un bourgeois ayant une femme, une place réservée à la synagogue et sa propre table.

Mais comment il y parviendrait, il ne le savait pas. Il croyait bien que tôt ou tard il se marierait, mais entre le fait de se marier et d'être un vrai bourgeois, il y a

1. Traditionnellement, les familles aisées d'une ville convenaient d'un ou de plusieurs jours par semaine pour recevoir à leur table un étudiant talmudique.

# דער פּראָלעטאַריער

בערל, דער ישיבֿה־בחור אין דער נײַער קלויז, האָט קיין מאָל ניט געהאַלטן פֿון זיך און איז געווען שטענדיק שטאַרק אַראָפּגעפֿאַלן בײַ זיך מיט זײַן תּורה, וועלכע ער האָט געלערנט ניט לשמה, נאָר טאַקע צוליב די „טעג״ און צוליב דער האַרטער באַנק אין בית־מדרש, ווו ער האָט יעדע נאַכט זײַנע ביינער אויסגעגלײַכט. אַוודאי קען מען אויף זיך אַליין קיין גרויסן כּבֿוד ניט לייגן, אַז עסן עסט מען פֿרעמדס און שלאָפֿן שלאָפֿט מען אין קלויז, צוזאַמען מיט אַ פּאָר בטלנים און אויך אַ מאָל, אין אַ ווינטערנאַכט, מיט דעם שטאָט־משוגענעם, וואָס גנבֿעט זיך אַרײַן שפּעט בײַ נאַכט און כאַפּט אַ „משוגענעם״ דרעמל אויף דער קעגנאיבערדיקער באַנק, ווו ער, בערל, שלאָפֿט.

און אַזוי ווי בערל האָט קיינעם ניט געקענט, אויסער די בעלי־בתּים און יונגע־לײַט פֿון בית־מדרש, ווו ער האָט געלערנט, איז זײַן השׂגה וועגן מאַכט און גדולה ווײַטער פֿון דעם דאָזיקן „קלאַס״ ניט געגאַנגען. זיי האָט ער באַטראַכט פֿאַר די גרויסע, פֿאַר די שטאַרקע, פֿאַר די פֿרײַע, פֿאַר די מענטשן מיט אַ „בחירה״, און אין פֿאַרגלײַך מיט זיי האָט ער זיך געפֿילט ווי אַ ווערעמל.

און געטרוימט האָט שטענדיק בערל צו ווערן אויך אַ מאָל אַ בעל־הבית — אַ יונגער־מאַן מיט אַ ווײַב, מיט אַ „שטאָט״ אין בית־מדרש, און מיט אַן אייגענעם „טיש״.

ווי אַזוי אָבער ער וועט עס דערגרייכן, האָט ער ניט געוווּסט. ער האָט אַפֿילו געגלייבט, אַז פֿריִער אָדער שפּעטער וועט ער חתונה האָבן. אָבער פֿון חתונה האָבן ביז ווערן אַליין אַ בעל־הבית איז

loin. Voyez par exemple à la maison d'étude, le reclus de Brisk, bien que marié, il est réduit à la même condition que Berl. Et même s'il est invité pour un shabbat chez un bourgeois plus huppé, est-il vraiment tiré d'affaire ? Quand l'hôte du shabbat est un *hassid*, il faut chanter ses hymnes hassidiques, alors que lui, il est un *misnaged*[2].

Aussi Berl était-il toujours triste, préoccupé. Et il regardait les bourgeois de la synagogue avec grand respect et profonde mésestime de soi. Apercevant un maître de maison non loin de lui, il se levait sans savoir où fourrer son corps maigre et chétif…

Pour Berl, était un bourgeois celui qui ne travaillait pas de ses mains ; même Leyb le failli, qui vivait depuis dix ans de la charité communautaire, il le plaçait plus haut que Haim le tailleur, qui possédait sa propre maison, n'était pas du tout un ignorant et venait parfois étudier après l'office à la maison d'étude.

– C'est quand même un travailleur manuel ! décrétait Berl en regardant le tailleur, ce n'est pas le même monde !… Quant aux jeunes ouvriers, Berl ne voulait même pas y penser – eux, il y avait longtemps qu'il les avait écartés d'un revers de main – ce sont des ânes !

***

Et puis tout à coup, il y a peu de temps, Berl a découvert que ces travailleurs sont le sel de la terre. Il ne faut pas les appeler « manuels » mais, d'après un mot latin, « prolétariat », et seul le prolétariat est le maître du monde, tout lui appartient, il a tout créé, et avec le

2. Le terme désigne les opposants orthodoxes au hassidisme.

זייער ווײַט. אָט איז דאָ אין בית־מדרש דער בריסקער פּרוש, אויך אַ באַווײַבטער, און פֿונדעסטוועגן איז ער אין אַזאַ מצבֿ, ווי בערל אַליין. און אַז יענער האָט שוין אַ „שבת״ בײַ אַ שענערן בעל־הבית, איז דען שוין גוט? ווען דער „שבתדיקער״ בעל־הבית זײַנער איז אַ חסיד, מוז ער זינגען זײַנע חסידישע זמירות, כאָטש ער אַליין איז אַ מתנגד.

און בערל איז געווען שטענדיק אומעטיק, פֿאַרטראַכט. און אויף די בעלי־בתּים פֿון בית־מדרש האָט ער געקוקט מיט גרויס דרך־ארץ און מיט שטאַרק אַראָפּגעפֿאַלנקייט. דערזעענדיק אַ בעל־הבית ניט ווײַט פֿון זיך, פֿלעגט ער זיך אויפֿשטעלן און ניט וויסן, ווו אַהינצוטאָן זײַן קליינעם, דאַרן גוף...

אַ בעל־הבית האָט בײַ בערלען געהייסן יעדערער, וואָס איז ניט קיין בעל־מלאָכה. אַפֿילו לייב דער געפֿאַלענער, וואָס לעבט שוין צען יאָר פֿון קיצבֿה, איז בײַ אים געשטאַנען העכער פֿון חיים דעם שנײַדער, וואָס האָט געהאַט אַן אייגענע שטוב און איז בכלל געווען ניט קיין עם־הארץ און פֿלעגט אַ מאָל נאָכן דאַוונען זעצן זיך אין בית־מדרש בײַ אַ ספֿר.

— ס׳איז פֿאָרט אַ בעל־מלאָכה! — פֿלעגט בערל באַשליסן, קוקנדיק דאַן אויפֿן שנײַדער — עס איז גאָר אַן אַנדער שניט!... — וועגן די יונגע אַרבעטער האָט בערל גאָרניט געוואָלט טראַכטן, אויף זיי האָט ער שוין לאַנג אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: — דאָס זענען חמורים!

***

און פּלוצלינג, אין דער לעצטער צײַט, דערוויסט זיך בערל, אַז אָט די בעל־מלאָכות זענען די גרעסטע יחסנים אויף דער וועלט. אַז זיי הייסן גאָרניט קיין בעל־מלאָכות, נאָר אויף לאַטײַן — פּראָלעטאַריאַט. און נאָר דער פּראָלעטאַריאַט איז דער בעל־הבית פֿון דער וועלט, אַלץ געהערט צו אים, ער האָט אַלץ באַשאַפֿן

temps, il va pour de bon tout prendre et régner sur le monde entier.

Comment cela se produira-t-il, Berl ne le conçoit pas encore. Les quelques brochures en yiddish qu'il a lues en cachette ces derniers temps sur le sujet ne le lui ont pas encore expliqué. Et alors ? Le paradis, le Talmud ne le lui a pas non plus expliqué, mais pourtant, il y croit. Alors pourquoi ne croirait-il pas au prolétariat, auquel le monde entier croit ?

Et Berl voit clairement que le sel de la terre est le travailleur, le prolétariat. Les bourgeois – est-il écrit dans les brochures – vont disparaître, « comme un fétu de paille dans le vent », pense Berl en citant les Psaumes, il y voit sa revanche et n'éprouve pas la moindre pitié pour eux. Et pourquoi les ménagerait-il ? Pour les grandes satisfactions qu'il a tirées d'eux !… Tout compte fait, il n'aura jamais mangé à sa faim chez eux – qu'ils disparaissent à tout jamais ! lâche-t-il avec colère.

Mais qu'adviendra-t-il de lui, qui est-il ? Cette idée ne le laisse pas en repos… La classe bourgeoise, il ne lui appartient évidemment pas, il ferait un drôle de propriétaire, lui qui ne possède même pas une boîte, et dont les quelques chemises sont rangées dans un pupitre muni d'une porte et d'une clé.

Il n'est pourtant pas un prolétaire non plus. Pour ce qui est du travail, il ne travaille pas.

Qui sait ? Peut-être que si, il n'étudie pas gratuitement mais à cause des repas, c'est donc bien un « échange », comme il est écrit dans les brochures. Il donne son savoir et eux donnent à manger. Mais c'est seulement une interprétation, doute-t-il, amer, qu'est-ce que les bourgeois ont à faire de mon savoir, c'est seulement à cause de l'autre monde. Et l'autre monde est peut-être quelque chose qui n'existe pas…

און מיט דער צײַט וועט ער טאַקע אַלץ איבערנעמען און וועט געוועלטיקן איבער דער גאַנצער וועלט.

ווי אַזוי דאָס וועט ווערן, קען בערל נאָך ניט משׂיג זײַן. די עטלעכע יידישע בראָשורן, וואָס ער האָט די לעצטע צײַט וועגן דעם געלייענט בשתּיקה אין בית־מדרש, האָבן דאָס נאָך אים ניט דערקלערט. נאָר וואָס איז שייך? דעם גן־עדן האָט אים די גמרא אויך ניט דערקלערט און פֿונדעסטוועגן גלייבט ער דאָך. הײַנט פֿאַר וואָס זאָל ער ניט גלייבן אין פּראָלעטאַריאַט, אין וועלכן די גאַנצע וועלט גלייבט?

און בערל זעט טאַקע בחוש, אַז דער יחסן איז דער בעל־מלאָכה, דער פּראָלעטאַריאַט; די בעלי־בתּים — שטייט אין די ביכלעך געשריבן — וועלן אונטערגיין, „אַזוי ווי אַ מעקענע פֿון אַ ווינט" — גיט בערל אַ משל פֿון תּהילים אין געדאַנק, און זעט נקמה און ער האָט אויף זיי גאָר קיין רחמנות ניט. און וואָס וועט ער זיי אין דער אמתן זשאַלעווען? דעם גרויסן נחת, וואָס ער האָט פֿון די בעלי־בתּים געהאַט!... סך־הכּל האָט ער אויף אַלע „טעג" זיך זאַט ניט אָנגעגעסן — זאָלן זיי פֿאַרשוווּנדן ווערן! — רעדט ער אויס מיט כּעס.

אָבער וואָס וועט זײַן מיט אים — ווער איז ער? דער געדאַנק האָט אים קיין רו ניט געגעבן... צום בעל־הבתּישן קלאַס געהערט ער געוויס ניט. אַ שיינער בעל־הבית איז ער, אַז ער האָט אַפֿילו קיין קעסטל ניט, און די איינציקע פּאָר העמדער, וואָס ער פֿאַרמאָגט, ליגן אין אַ שטענדער, וואָס האָט גראָד אַ טירעלע מיט אַ שלאָס.

אָבער קיין פּראָלעטאַריער איז ער דאָך אויך ניט. אַרבעטן אַרבעט ער ניט.

און ווער ווייס, אפֿשר יאָ? לערנען לערנט ער דאָך ניט לשמה, נאָר צוליב די טעג, הייסט דאָך דאָס „טויש", ווי אין די בראָשורן שטייט. ער גיט תּורה און זיי גיבן עסן. — עס איז אָבער נאָר אַ דרש — צווייפֿלט ער ביטער — וואָס דאַרפֿן די בעלי־בתּים מײַן תּורה? נאָר צוליב יענער וועלט, און יענע וועלט איז אפֿשר אַ זאַך שלא בא לעולם...

En tout cas, les prolétaires ne croient pas à l'autre monde. Alors ils ne peuvent pas l'admettre dans leurs rangs.

Tenez, par exemple, les ouvriers viennent de faire grève. S'il avait été un prolétaire, il aurait dû faire grève lui aussi. Mais il est resté à la maison d'étude à étudier comme d'habitude. Et même s'il n'avait pas étudié, ça n'aurait pas voulu dire qu'il faisait grève ! Personne n'y aurait prêté la moindre attention.

– Alors qu'est-ce que je suis, qui je suis ? Berl se plongeait de plus en plus dans cette question ces derniers temps.

Allait-il, au même titre que les commerçants et boutiquiers, disparaître lui aussi, être emporté par le vent comme un fétu de paille ?

Tristes pensées !…

***

Ce n'est qu'après Pourim, quand il s'était embauché pour la fabrication du pain azyme, qu'il s'était un peu calmé.

– Maintenant, je suis un prolétaire comme les autres, pensait-il non sans orgueil, je travaille quatorze heures par jour.

Ce dernier argument pourtant le perturbait. Les travailleurs, les vrais prolétaires, avaient déjà obtenu par leurs luttes une journée de travail bien plus courte. Mais ceux qui passaient la roulette sur les pains azymes travaillaient toujours quatorze heures par jour et parfois seize.

À qui s'adresser à ce sujet ? Qui sait, les vrais prolétaires ne se moqueraient-ils pas de lui s'il leur posait la question ?

Et d'ailleurs, quand pourrait-il s'adresser à eux ? D'ici la Pâque, il n'aurait même pas le temps de quitter sa plaque, et après la Pâque, il ne serait de nouveau plus un prolétaire.

אַלנפֿאַלס גלייבן דאָך ניט די פּראָלעטאַריער אין יענער וועלט, קענען זיי דאָך מיך אין זייער חבֿרה ניט אַרײַננעמען.

אָט, למשל, האָבן די אַרבעטער געמאַכט אַ שטרײַק. אַז ער וואָלט געווען אַ פּראָלעטאַריער, וואָלט ער דאָך אויך געדאַרפֿט שטרײַקן. ער איז אָבער געזעסן אין בית־מדרש און געלערנט ווי אַלע מאָל. און זאָל שוין זײַן, אַז ער וואָלט ניט געלערנט, הייסט עס דען געשטרײַקט? קיינער וואָלט זיך אַפֿילו ניט אַרומגעקוקט.

— טאָ וואָס בין איך, ווער בין איך? — פֿלעגט בערל די לעצטע צײַט אַלץ מער און מער זיך פֿאַרטיפֿן אין דער פֿראַגע.

צי וועט ער צוזאַמען מיט אַלע הענדלער און קרעמער אויך אונטערגיין, פֿאַרשווינדן ווי אַ מעקענע פֿון אַ ווינט?...

טרויעריקע געדאַנקען!...

***

ערשט נאָך פּורים, אַז בערל האָט זיך געשטעלט אין אַ פּאָדריאַד רעדלען מצה, האָט ער זיך אַ ביסל באַרויִקט.

— איצט בין איך אַ פּראָלעטאַריער, ווי אַלע! — האָט ער ניט אָן שטאָלץ געטראַכט — איך אַרבעט פֿערצן שעה אין טאָג.

דער לעצטער אַרגומענט האָט אים אָבער באַאומרויִקט. די אַרבעטער, די אמתע פּראָלעטאַריער, האָבן שוין אויס־געקעמפֿט אַ סך אַ קירצערן אַרבעטסטאָג. נאָר די רעדלער אַרבעטן נאָך אַלץ צו פֿערצן שעה אין טאָג און אַ מאָל — זעכצן.

צו וועמען ווענדט מען זיך וועגן דעם? ווער ווייס, צי די אמתע פּראָלעטאַריער וואָלטן אים ניט אויסגעלאַכט, ווען ער זאָל זיך צו זיי ווענדן דערמיט?

און בכלל, ווען קען ער זיך צו זיי ווענדן? ביז פּסח האָט ער אַפֿילו קיין צײַט ניט אָפּצוקערן זיך פֿון בלעך, און נאָך פּסח איז ער ווידער אויס פּראָלעטאַריער.

Alors, qui est-il donc, avec tout ça ? Et que deviendra-t-il quand le prolétariat gouvernera le monde, que les bourgeois, les boutiquiers et les commerçants, donc, vont disparaître, périr ?

Va-t-il lui aussi disparaître ? Oh, il voudrait tant ne pas disparaître !

טאָ ווער איז ער פֿאָרט? און וואָס וועט מיט אים זײַן, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט הערשן אין דער וועלט און די בעלי־בתּים, די קרעמער און די הענדלער, הייסט עס, וועלן פֿאַרשווינדן, אונטערגיין?...

ווער ער אויך אונטערגיין? אוי, ווי אים ווילט זיך ניט אונטערגיין!